STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03626

LIDER

Yitshak Goldkorn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גאלדקארן

לידער

מינכען 1950

דערשינען אין פארלאג „אות“, ווארשע 1938.

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין מאַמען, חיה רחל

מ א מ ע

דער מאַמעס שטראַלנדיקע פינגער
צינדן די שבתדיקע ליכט,
די מאַטע זילבער־לייכטערס
פינקלען און בלישטשען
מיט שטילער שיין.
נאָך זילבערדיקער, ליכטיקער,
איז איר העל צעצונדן פנים,
אין וועלכן ס׳שפיגלען זיך
די לייכטערס, די ליכט, די מלאכי השרת...

דער מאַמעס זאַכט קרייזנדיקע הענט
שפרייטן אויס שבת׳דיקע טעפּיכער,
אויף וואָכס נאקעטן באָדן —
פּלוש און סאַמעט,
חן און חסד — אוצרות,
ארומגעזוימט מיט פּערל־טרערן.
אירע ליפּן פליסטערן: שבת קודש, קודש...
אין אירע אויערן ניגונט בלחש די תפילה

פון דורות הייליקע, צדיקים
און דער פֿלאַטער פון מעשה בראשית...

די מאַמע איז אליין א מלאך,
אויף אירע הענט — שווינגנדיקע פֿליגל —
פֿאַלט דער הייליקער אָפּשיין פון איר פּנים,
ווי פֿאַנטאַסטישע שקיעות אויף אָוונטיקע שויבן —
די מאַמע איז כולה שבת...

פֿאַרגאַנגען די מאַמע, דער שבת,
אַלץ האָט אויסגעצאַנקט ווי חלבּ׳נע ליכט,
איבערלאָזנדיק אַ רויכיק שטיקנדיקע ליידיקייט.
אַלץ פֿאַרזונקען אין תּהום פֿאַרשאָלטענעם
פון תּהום.
צייט און שטח — אַ פּאַס אָן רייפֿן,
ציפֿערן שפּרינגען משוגע
ווי פֿייערדיקע רינגען פֿאַר חלש׳נדיקע אויגן.

פּלוצלינג טויכט אויף פֿאַר מיר אַ וואָרט,
אָנגעזאַפּט מיט קאָרנדיקע ריחות, פֿאַרבן און קלאַנגען:
מאַמע!
ס׳שימערן אויף מיר אזוי ווייט און דאָך נאָענט,
ווי דער זילבערנער גרויסער וואָגן,
אירע שטראַלנדיקע פֿינגער,
וואָס פֿאַרוואַרפֿן אַרום מיר אַ רעטונגס־גאַרטל
פון זילבער־פֿעדים —
מאַמע, בענטשנדיקע מאַמע...

אין שטויב

שטאָט

שטאָט, קרעציק צעפּרעסענע,
פון גאָט פאַרגעסענע,
ווי אַ שפּענדל לייכט, טראָגט מיך דיין שטראָם
אַראָפּ, אַראָפּ צום תהום.

האָסט מיך — אַ ווערל, מיט פּוסטן ווײַ אָנגעפּילט,
מיט מעסערס — זאָרגן מיין שטערן געטיילט,
האָב איך — אַ הונט, טעמפּ געשריגן, געבילט
און פּויסטן — געוויכטער אין לופטן געביילט.

ריין ווי ביי א קינד מיין הארץ איז געווען,
האָסטו מיינע געטער צעקרישלט, מיין גלויבן געשענדט,
זיץ איך שבעה היינט, אין טאָג ווען כ׳האָב דיך דערזען
און כ׳שעלט די שעה, ווען כ׳האָב דיך דערקענט.

האָסט מיך ווי אַ דונער מיט דיין רעש באַטויבט,
מיין גלויבן צעשמעטערט, מיין רו געראַובט;
דריי איך זיך איצט אויף דיינע גאַס זינלאָז שטאַר
און ס׳באַגלייט מיך א שאָטן שטום — צער.

קרעדאָ פֿון אַ וואַגאַבונד

פֿון אייערע מרה־שחורה באַטעפּיכטע שטובן רינט אומעט,
ווי ווילגאָטש פֿון קעלער־ווענט נאַסע.
אין אייערע שטובן שלייכט זיך אַריין מיט שווערקייט דער טאָג —
אַ שווינדזיכטיקער חולה, אַ בלאַסער,

ווי אַ סטאַדע אָקסן, געשמידט אין אײַזערנעם יאָך פֿון מעת לעת,
מיט אײַזל־געדולד שפּאַנט איר אין וואָכ׳ס טעמפּן קרייז;
און אין אייערע אויגן גלאַנצט די תּאווה צו ווײַבער און גאָלד,
גיריק ווי מייז.

און נאָך אייער פֿערדישער מי, אין אייער טעמפּער רו פֿאַרזונקען,
מאַלעגיירעט איר מיט אויגן פֿאַרזשמורעטע דאָס פּרוכטלאָזע
שטרוי — אייערע מחשבות,
און אין די נעכט טוליעט איר זיך צו דער לאַנגווייל, וואָס גענעצט,
ווי מאַדמואַזעלן אין די פּערציקער, מיט אײַנגעשרומפּענע
ברוסטן, קניען קאַלטע.

איז מיר נימאס געוואָרן די הינטישע שלווה, וואָס איר קייט
ביחידות,

זענען מיר נימאס געוואָרן אייערע שמאַלציקע פּנימער, וואָס
שײַנען קעציש צופרידן
האָט מיך פאַרעקלט אייער פרייד, ווי א בלוטיקער מאָלצייט
פון פארמשפּטע אין לעצטער שעה,
טויב אויף די טריט פון תליון־צייט, וואָס רויטלט זיך אין
אנונגס טונקעלע קאָרידאָרן.

האָב איך געבראָכן מיט גאל אויף אייער יאָד,
גהינומדיק געכיכעט אויף אייער בראָד:
ווי אַ סטאדע אָקסן, געשמידט אין יאָך אייזערנעם פון מעת לעת,
מיט אייזל־געדולד שפּאנט איר אין וואָכ׳ס טעמפּן קרייז,
אין אייערע אויגן גלאַנצט די תאווה צו ווייבער און גאָלד,
גיריק ווי מייז.

בין איך אנטלאָפן פון אייערע הייזער, ווו ס׳שלייכט זיך אריין
מיט שווערקייט דער טאָג —
אַ שווינדזיכטיקער חולה, אַ בלאַסער.
בין איך אנטלאָפן פון אייערע הייזער, ווו לאנגווייל — אַ
הונגעריקער שטשור, אייערע געדערעם פרעסט.

ווי ווויל איז מיר שוין אַזוי הפקר צו פוסטעוען אונטער
אַ תכלת־צעזונגענעם רוים,
ווי אויף עקזאָטישע אַלייען פון טרוים.
ווי ווויל איז מיר שוין אזוי צו וואנדערן גלאַט אַזוי אויף הפקר
אויסגעשפּרייטע גאסן
ווי לוקסוריעזע סאַלעס פון אַ מעצענאַט, אַ לעגענדארן פּורן,
ווו איך וועל שוין אזוי וואַנדלען גאַס־אויס, גאַס־איין,
גאַס־אויס, גאַס־איין.

דיכטער איז שטאט

אויף הפקר׳ע, רעשדיקע גאסן פון משוגענער שטאָט
פאַרבלאָנקעט, פאַרלוירן דיין קינד — גאָט,
בלאָנדזשעסטו מיט אויגן — טריבע הזכרת־נשמות ליכט,
און צער־וואָלקנס קנוילן זיך אויף דיין פנים געדיכט,
און ס׳איז דיין הארץ אַ פארלאָשענער קראַטער,
מיט פאַרגליווערטער לאַווע שפּאָט —
דיכטער אין דער שטאָט!

ווי זשאַווער אין בלוט האָט זיך די פוסטקייט אין דיר צעשפרייט,
צאַפּלסטו אין קראַמפן ווי א פישל מיט אויפגעשניטענער
אינגעווייד,
פון שטאָלענע פּרוזשינעס געצויגן, טאַנצסטו מיט
אין משוגעים־קאַראַהאָד — שטאָט,
און דו קענסט נישט ארויס פון פארכישופטן ראָד —
דיכטער אין דער שטאָט!

און איינציקווייז, איינציקווייז,
אָפּגעפאלן איז פון דיר א יעדער ריינער טרוים,
ווי אין האַרבסט טויטע בלעטער פון א בוים,

נעסטן שוואַרצע מחשבות־קראָען אין דיין נאַקעטקייט,
און ס׳הערן זיך וואָיענדיקע ווינטן, קעץ־געקלאָג און הינט־געהייל,
און דו לויפסט ווי אַ בלינדער קראָט
און דו בענקסט נאָך דיין פאַרלוירענעם גאָט —
דיכטער אין דער שטאָט!

צערינען איז דיין בלענדנדיק ווייסער טרוים,
ווי זילבערנע וואָלקנדלעך אין רוים,
קלאָגסטו מיט קאָפּ אויף קני אויף צעשווימענעם שוים,
און ס׳ווילדעוועט אַ כאָר פון ווינט־געהייל, קעץ־געקלאָג
און שטן־געשפּעט

אין דיין נאַקעטן, פּוסטן מוח סקעלעט.
וואַנזיניק לויפסטו אום אויף גאַסן — צעלן פון משוגעים־הויז — שטאָט
און דו יאָמערסט נאָך דיין פאַרלוירענעם גאָט —
דיכטער אין דער שטאָט!

טעג און נעכט

טעג וואלגערן זיך ארום ווי אָפּגעריסענע בלעטלעך פון קאַלענדארן,
טעג צעשטויבן זיך זאַמדיק־גראָ, ווי אַש פון ציגארן,
שמעקן מיט שימל, פאַרוועלקטקייט און יאָרצייט, ווי פאָליאַנטן
פון אַנטיקוואַרן —
טעג!

טעג וואלגערן זיך ארום פארשוועכט אָפּגעהילטע, ווי לייבער
אין לופּאַנארן,
טעג שלעפּן זיך נעבעכדיק, ווי בעטלער אויף קוליעס, זקנים
און רעקאָנוואַלעסצענטן,
שלייכן זיך פלעגמאַטיש, ווי אבלדיקע וואָלקנס אין גאַנג
פערמאַנענטן —
טעג!

טעג אָפּגעלעבטע, קאַלט אויסגעלאָשענע, ווי אויגן פון זונות,
טעג אַנטוישן, ווי פאלשע געליבטע גענאַרן,
שטעקן אונז אָן מיט באצילן פון פוסטקייט, הונגער, מידקייט
און ברענענדיקן גאַרן —
טעג!

נעכט קומען בארעמהאַרציק, מיט שוואַרצע לײלעכער אויף
אַקסלען, פאַרדעקן טאָג׳ס שאנד,
נעכט — פאנטאסטישע ריטער, אין אַזור מאַנטלען
קעניגלעכע גראנדן,
ווי לעגענדארישע פרינצן, מעבר־לים פארבלאָנדזשעטע,
אין אונזער אָרעמקייט לאנדן —
נעכט!

נעכט — הייליקע, סודותפולע, שוויינגדיקע נזירים,
נעכט טריפן דופטיק ווי נעקטאַר, געזאנג און קושן,
קריכן אין מוח מיט רעיונות־ווערעם, ווי ציין קריצנדיקע
סקעלעטן כיכן —
נעכט!

נעכט שעפטשען בלחש מיט בלומען־ליפן, שרייבן שטערן־
היראָגליפן ווי כשדישע פריסטער,
נעכט — מוטיקע פישער פאנגען אונז מיט קריסטאָל־בלאָע
נעצן אין געמיט טיפן זילבערנע חלומות,
וויגן אונז אין שווונג אין הייסע אָרעמס איבער פורכטבארע תהומות—
נעכט!

נאנט

פאַראַן אַזאַ שעה...

פאַראַן אַזאַ שעה:
צעפּלאַמט בוקט זיך טאָג ביים טויער פון דער נאַכט.
א טויב קומט מיט רויטע פיסלעך, אַ גרין בלעטל אין שנעבל,
פּאַכעט מיט פליגלען בלאָ.

פאַראַן אַזאַ שעה:
די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט ציטער,
ס׳פּליסט ווי וויין,
אַ רחמים־געוויין פון אַ כישוף־פליט,
ס׳נידערט א בלאָער שניי — לויטערע, הייליקע שיין,
וואָס פאַרהילט אונז און פאַרוויגט אונז אין אַ לאַנד,
ווו דינער טרויער און העלע פרייד
גיסן זיך צוזאַם — אַ ים בלאָע לויטערקייט.

קני אַנידער און קוש ציטעריק דעם זילבער־ראַנד
פון דער הייליקער שעה.

זילבער־נעכט

אין אַזעלכע נעכט וואַנדלסטו אום,
פאַרגליווערט, בלאַס און שטום
אויף גאַסן הינטערשטאָטישע, ליידיקע אַלייען,
און אַ תּפילה, אָן ווערטערדיקע שעפּטשעסטו קינדיש פרום,
זיס ווי טויבן־ברום.

אין זילבער־נעכט, לבנה־נעכט,
נעמסטו אַ קאַלטן טוי פון לבנה־שטראַלן,
לייטערסטו דיך אין די שטראָמען זילבער־געוויין, וואָס פליסט גלאַט־אַזוי פון דיינע אויגן,
און אַ שיכור׳ער טאַנצסטו, שטרעקסט אויס די הענט, ווי אַ קינד פול בענקשאַפט,
צו ווייטע, לבנה־פאַרשיכורטע, שניי־פאַרזילבערטע פליינען.

אין זילבער־נעכט, לבנה־נעכט.
צאַפּלסטו — אַ פיש, אין זילבערנעץ פון טענער געפאַנגען,
מורמלסטו ווערטער אָ׳ אַ זין, אין די אויערן קלינגט
אַן אַלטע זילבערנע מעלאָדיע: דזשין, דזשין!
ווערסט לויטערע פאַרגעבונג, מילדער באַדויער און שמייכלענדיקער טרויער,

הייליק, געלייטערט, זילבערדיק ריין קערן אום שאָטנס
פֿאַרגאַנגענע...

אין זילבער־נעכט, לבנה־נעכט,
ריזלט אויף דיר חסד־זאַלבונג פֿון אומגעזעענע, אויבנדיקע קוואַלן,
ווי טיול־שלייערס פֿון אַ געליבטער, פֿאַלן דיר צופֿוסנס דער
שכינה'ס זיבערנע וואַלן,
און אויף דער ערד וואַנדלט דיין שאָטן אין שטילקייט אַרום —
שוועבסט אין ספֿערן זילבערנע, אין בלאָע, געהיימע ספּיראַלן.

ספּלענדיד איזאָליישן

אָ, ספּלענדיד איזאָליישן,
באָרוועסע, בלייכע שוועסטער,
גראָ איז מיין שטיבל,
אָרעם איז מיין ברויט —
האָט די טיפע נאַכט אונז ארומגעהאַלזט,
האָט זי אונז א סוד פארטרויט.

אָ, ספּלענדיד איזאָליישן,
באָרוועסע, בלייכע שוועסטער,
האַלט דעם אָטעם איין —
די שטילסטע שעה פון דער נאַכט פליסטערט ליכטיקע רייד,
מיין שטיבל האָט זיך ווי אַ וווּנדער אויסגעשפּרייט,
איז מיין שטיבל — א זילבערנער קוואַל,
שפּרודלט און ריזלט צום אַל —
די וועלט — אַן עכאָ פון טרויעריקן ניגון,
פארשווינדט באַנג אין דער ווייט...

אָ, ספּלענדיד איזאָליישן,
באָרוועסע, בלייכע שוועסטער,

איבער בלאָע ימים פלאַטערן צו אונז ווייסע מעוועס,
איך הער שוין פיבערנדיק איבער אונז א פאָכען פון ויידענע פליגל,
און א זילבערן בולבלען פון ווייטע, נישט דאָיקע כוואַליעס –
האַלז מיך פעסטער, שוועסטער,
מיט בלינדע אויגן לאָמיר טאַפּן דאָס הייליקע, בלאָע ליכט.

ווײ איז אונז, ווײ

אַבלים נאָך א מתים־רײ,
געבויגענע, אין נעכט זענען מיר מלווה אונזערע טעג,
מיט ערד — פאַרגעסונג — פאַרשיטן מיר זײ,
ווײ, מאָרגן זענען מיר מלווה אויפסנײ.

ווײ איז אונז, ווײ,
אייף אַ וויסטן, ווילדן פליין בלאָנקען מיר — אַ בלאָנדזשענדיקע
סטאַדע שאָף,
פון אַלע זייטן עפענען די מײלער לויערנדיקע אָפּגרונטן,
הייזעריק רײסט זיך ארויס פון אונזערע העלזער אַן אַנגסטיק
געשרײ: העלף!
ווײ, ווײט דער פּאַסטוך, סשטאַרבט אָפּ אין רוימען אונזער געשרײ.

ווײ איז אונז, ווײ,
ווי אײטער פון אַ ווונד,
ס'פּאַרבלאָזע וואסער — די צײט רינט,
טרינקען מיר דעם גיפט, ווערן קרעציק און בלינד,
ווײ, מיט פלאַמענדיקע געהירן לויפן מיר אַרום אין נאַכט
און ווינט.

ווײ, איז אונז, ווײ

ס'הויערט אויף אונז — ווערעם — די נאַכט — אַ נאַסער שטײן,
מיט אַ שוואַרצן שרעקן־מאַנטל הילט אונז די חושך־מכשפה אײַן,
מורמלט: ווי אַ קראָ איבער נבלה — אומגליק זאָל קרײַזן
איבער אײַך,
ווײ, מיט אַ שוואַרצן שרעקן־מאַנטל הילט אונז די חושך־
מכשפה אײַן.

ווײ איז אונז, ווײ,

ווי פײגל אין אַ שטײַג קלאַפּן מיר אין די ווענט, לויפן אין
גראָען, ערדישן קרײַז,
ווי ווולקאַנישע לאַווע שפּריצט צו די הימלען אונזער רויט,
כאָרכלדיק געשרײ: דערלײז!
נאָר ס'פינטלען די שטערן ווײַט און פרעמד,
ווײ, ווי ווולקאַנישע לאַווע שפּריצט צו די הימלען אונזער
רויט, כאָרכלדיק געשרײ.

חצות

די נאכט הויערט אין דרימל — א הידרע מיט אפארנורעטן קאפּ,
פון שפּיגל האָט אויפגעטויכט פאר מיר א געשטאלט,
פארגליווערט, מתים בלאס,
אויגן — צעעפנטע אפגרונטן, געטונקלט מיט שרעק,
אויף באקן — גרין געלבעכער פארמעט, האט קראנקער, מידער
טרויער אווידוי אָנגעשריבן,
ליפּן — אויפן פארקלאפּטן משוואָק פון סוד — א פארביסענע
צוואנג.

האט פון אויגן — שווינדלדיק צעעפנטע אָפּגרונטן — געבלאָזן
א פראסטיקער ווינט,
פארגאָסן מיט בלייכקייט מיין פּנים, פרירנדיק געגלעט מיין רוקן:
געדענקסט דעם חלום פון ווייטן אַמאָל?
געדיכטע, שטיקנדע פינצטערניש אין אַ טיפן וויסטן טאָל,
אַליין, אין דיינ ע פיס פארפלאָנטערט אין זשאווערדיקן דראָט־קנויל,
וואָס שלעפּט דיך אין תהום׳ס שווארץ־צייניקן, מאוימדיקן מויל,
און מיט הענט — אויסרוף־צייכנס, אויסגעשאסן אין דער הויך,
און מיט אויגן, גלעזערנע קײלעכלעך, עפּילעפּטיש אויסגעזעצטע
אין שטומען גרויל

און דערוואַרגן מיט דיין געשריי ווי מיט אַ ביין אין האַלז,
זינקסטו אין תהומ׳ס שוואַרץ־צייניקן, מאַוימדיקן מויל.
געדענקסטו, געדענקסטו?
דאָס ביסטו, דאָס ביסטו!

האָט פון אויגן – צעעפנטע אָפּגרונטן – געבלאָזן אַ פּחד־ווינט,
פאַרגאָסן מיט בלייכקייט מיין פּנים, פרירנדיק געגלעט מיין רוקן.
און פּלוצלינג האָט פון שפּיגל צו מיר אַרויסגעקוקט אַ פּנים,
צעקנייטשט – קאָרע פון אַן אַלטן בוים –
אויגן שפּאַטיש פאַרזשמורעטע,
ליפּן אַ קרומער, שאַרפער קינזשאַל.
כי – כי – כי!
כי – כי – כי!

האָט זיך דאָס געשטאַלט אין שפּיגל צעלאַכט.
ביינערדיק הויל, געשפּענסטיק אומהיימלעך זיך צעלאַכט
אין פאַרנזורעטער מאָרדע אַריין – דער הויערנדיקער נאַכט.

* * *

פאַרוואָגלט טוליע מיך מיין קאָפּ אין שויס פון דער נאַכט,
שטראָמיק פליסט אויף מיינע באַקן הייס פיבער געוויין,
מיט דאָרניקן באַוווסטזיין געשלאָגן האָב איך מיין האַרץ־שטיין,
פליסט אין דער נאַכט דער מונקעלער שטראָם — מיין געוויין.

ווי ביסטו? מיינע תפילות ווי טויבן האָב איך אַרויסגעשיקט,
און געוואַרט אויף אַ בשורה פון דיין ליכט —
הינטער אַן אייביקער, בלייערנער, כמאַרע־וואַנט,
פאַרבאָרגן פון מיר דיין זוניק פנים.

איך ווייס דעם זין פון מיין זיין אויף דער ערד:
כ׳זאָל — אַ סנה אין מדבר —ברענען און נישט ווערן פאַרצערט
און אין באַנגן און צער געקייטלט,
זאָל איך אייביק קין׳יש וואָגלען אויף דער ערד.

מיד שלעפּט זיך דער פאַרשטויבטער קאַראַוואַן פון טעג אויף
זאַמדיקע מדבר־וועגן,
ווי, דער מדבר האָט נישט קיין קוואַל, קיין רעגן,
פאַרחלשט לאָז איך די לייצעס אָפּ, פאַל אויפן זאַמד אוועק,
מיט רויטע שליפּיעס ווירקט צו מיר עמעצער פון דער
טיפעניש פון דער נאַכט.

טיפע נאכטיקע שעה

עמעצער האָט אין מיר אוועקגערוקט א שטיין פון א טיפן ברונעם,
האָב איך אויף זיין דנאָ אַן אלטן, דרעמלענדן ניגון געפונען,
זינג איך אים שטום און איך שפּין אים.

טיפע נאכטיקע שעה,
זי ווינקט צו מיר: קום!
הוידעט זיך מיין גוף אויף ליידיקע טראָטואַרן,
איך קלעטער אויף קרומע דעכער — קאָשמאַרן,
גרינע לאמטערנעס פליסטערן: ער איז דאָ...

טיפע נאכטיקע שעה,
דעמאָלט שטאַרן הייזער — הויערנדיקע מאַמוטן, ס׳שלאָפט די שטאָט
נאָר מיין האַרץ איז וואַך;
אַ געלע וואַקסענע האַנט גיסט מיר אָן אַ פולן באָקאַל נאַכט:
„טרינק, שאָטן מיין" — אַ ביינערדיקע קול לאכט.

טיפע נאכטיקע שעה,
אַ טונקעלער, וואָגלענדער סוד זוכט זיין באַשייד —
איך אַליין בין אַ טונקעלער, וואָגלענדער סוד, וואָס זוכט באַשייד.

ברענט אַ רויטער פּאַס אויף,
די וואַקסענע האַנט טייטלט: „אויף יענער זייט, אויף יענער זייט"...

טיפע נאַכטיקע שעה —
מיט ציטערדיקע קניען גענען איך צום ראַנד פון טיפע אָפּגרונטן,
וויי! ווי זאָל איך באַהאַלטן מיינע אויגן פאַר זייער גליווער־בליק?
איך אַליין קוק אויף מיר אין אַ טיפן אָפּגרונט,
מיין פנים — אַ ווייסע מאַסקע — טויכט אויף אין שווארצן שפּיגל.

טיפע נאַכטיקע שעה,
ס'רינט אין מיינע אָדערן די נאַכט,
איך שטיי ביזן האַלז אין נאַכט,
און ס'נידערט שטום אַראָפּ מיין קאָפּ שטאַר און שווער
און ס'טרינקט די נאַכט מיין קאַלטע טרער.

בין־השמשות ליד

מיט אַש אויפן קאָפּ, אין די הענט א קרוג רויטן טרויער־ווײַן,
קומט דער פאַרנאַכט — אַ בלינדער, אַלטער מאַגיקער צו גיין.

אין די פאָלעס פון זיין שוואַרצן מאַנטל באַבלט ער אונז איין,
פאַרהילט אונז אין אבל־קרעפּע — געשפּענסטיקער שיין.

גלאָקן — לוויה־פּושקעס קלינגען אימהדיק באַנג,
אַ טהרה־ברעט, א מיטה און מתים־געשטאַנק.

אויף מאַמעס בריסטן וויינען קינדער אומגעשטילט,
ערגעץ ווייט האָבן הינט זיך צעבילט.

האָבן הינט זיך צעבילט מיט קלאָג און אָנזאָג: ער איז דאָ, דאָ.
ער קרייזט איבער אונז — אַן אומגעזעענע שווארצע קראָ.

ער שוועבט צווישן אונז — אַ פּתדימדיקע פלעדערמויז,
ווײ, ער׳ט זיך אין עמעצנ׳ס האָר פאַרדראַפּען און נישט מער ארויס!

אַשיק די לופט, אויף אַלע וועגן רינט טרויער ווי ווײַן,
דער אַלטער מאַגיקער הילט אונז אין זיין תכריכים־מאַנטל איין.

קראַנק, פארשמאַכט ליגט די גאַנצע ערד,
מיט אַ שטומען צער פון אַ פערד,

אַלע הערצער בלוטן אין קלאַמערן פון פּיין,
אַלע אויגן צאַפּלען אין דער נעץ – געשפּענסטיקע שיין.

אין אונז אלע ציטערט דאָס לעבנס־פלעמל – אויף אַ
צאַנקנדיקער קנויט,
ס׳בלאָזט אויף אים אַ ווילדער, שוואַרצער ווינטער־ווינט – טויט.

שרעקן - נאכט

מיט ציטער און פלאטער, מיט טויטן־אַנגסט,
אַ וויסטע, בייזע מכשפה — קומט א גרווילן־נאכט צו גיין.
אירע האָר — אַ קופּע שלאַנגען צאפּלען, שיפּען אין דער לופט,
דאָס מויל אין אַ ווילדער גרימאַסע צעקרימט,
אַרום די ליפּן גרינער, אייטערדיקער שוים...
אירע אויגן — אויסגערונען, בלאָזן אַ שווידער־ווינט,
ווי פענסטער פון אַ וויסט־פאַרשאָלטענער חורבה —
זיי קוקן מיך שיקלדיק אָן...

מיט ציטער און פלאטער, מיט טויטן־אַנגסט,
קומט אַ גרווילן־נאכט — א וויסטע, בייזע מכשפה צו גיין.
די לבנה — אַ מאטער סקעלעטן־שארבן כיכעט פאַרקרומט
און קריצט מיט די ציין,
מיין שאָטן פאַלט געשפּענסטיק גרויס און קרום
אויף מצבות — הייזער אין דער קברים־שטאָט...
איך בלאָנקע פאַרשטאַרט און שטום,
איך דערשרעק זיך פאַ״ מיין שאָטן, כ׳דערשרעק זיך פאר מיר אליין,
ששש... עמעץ לויע״ט... איך לויער אויף מיר אליין...
איך אנטלויף פאַ״ מיין שאָטן, כ׳אַנטלויף פאר מיר אַליין...

און ס'ווערגט מײַן געשרײַ אַ בײַן־גרויל...

מיט אימה"ציטער און שוידער־פּלאַטער קומט אַ גרוילן־נאַכט —
אַ ווײַסע, בײַזע מכשפה צו גײן,
זי נעמט מיך וועראַז אין איר פינצטערער אַלמאַכט,
זי צײַכנט אַרום מיר אַ כישוף־ראָד,
האָפּסעט אַרום מיר אַ שדים־טאַנץ,
זי לאַכט מטורף און באַשפּײַט מיך מיט איר שוים,
איר אָטעם פּילט זיך מיט פוילעניש און טויט,
איר אָטעם — שפּיטעלער אין בין־השמשות,
אין שטאָלערן־קאַלטע, גרויזאַם־רויטע שטעט...
אַ שאַרפער ריח פון רעצעפּטן צוקאָפּנס פון אַ בר־מינן.

מיט ציטער און פלאַטער, מיט טויטן־אַנגסט קומט די נאַכט,
זי נעמט מיך אין איר געוואַלט,
נעמט מיך ווערלאָז אין איר אַלמאַכט,
זי כאַפּט מיך אָן בײַ די האָר מיט בײנערדיקע פינגער־שרעק
און פירט מיך צום באָרטן
פון אַ שווינדלענדיקן, פינצטער־רויכנדיקן אָפּגרונט,
אונטער אַ יעדן טריט עפנט זיך מיר אַ פינצטערער אָפּגרונט.

אָ, ווי דריקנדיק קנוילט זיך די פינצטערניש
אַרום מיר,
קנוילט זיך די פינצטערניש
אין מיר.

— בלינד?
ווי, אפילו אַ בלינדער קלאַפּט כאָטש אָן
מיט זיין שטעקן אין עפּעס,
וואָס וואָרנט אים, פירט אים —
איך געפין גאָרנישט
אין דער לענג און אין דער ברייט,
אין ליידיקן חלל,
וואָס מדברט זיך
און באַפינצטערט מיך —
איך באַפינצטער אויך אים...

איך בליק אינם שווארצן ליכט
פון די צוויי ווייטע נעכט:
אָ, גרוילן, דאָרט, ווייט,
צאַפּלט עמיצער אויף א קאָלירטן שפּינוועב־דרים,
וואָס איבעררייסט זיך אָט, אָט...
און מיילער ווי פּאָליפּן־הענט ציען זיך:
פּאַרזינק, שלומער איין,
ס'וועט זיך אויפקנוילן —
ווען דו וועסט מער נישט זיין...

מיט אימה־צאַפּל און פחד־פלאטער —
אַ גיפט־מישערין — קומט שטיל לויערנדיק די נאַכט
זי טייעט זיך פון אַלע באהעלטענישן — א מערדער אין קאַפּטור,
טויזנט אויגן האָט די מלאך־המות'טע נאַכט —

זי זשמורעט זיי אויף מיר גיפטיק און פּאָספּאָר גרין
איר בלאַנקע שווערד געפארבט רויט, פּאָכעט איבער מיר,
מיין מאַרך ווערט געליימט, מיין בלוט גליווערט אין מיר.

אין פארלאָזענע שולן ברענען וואַקסענע ליכט —
פארשטויסענע נשמות;
אַן עולם אין קיטלען מיט געלע בערד דאַוונט בלחש;
און איינער אַ דייטשל רופט צום ספר: „יעמוד החתן
יצחק בר מנחם מפטיר!"

ווייַ, דאָס דייטשל וואַקסט אויס העכער און העכער,
איך — איינגעשרומפּענער, קלענער...
מיינע אויגן קערן זיך איבער ווי שיפלעך,
פאַרציען זיך מיט א נעפל געדיכט, שווער,
די מכשפה — נאַכט — לאַכט, שפייט מיט גרינעם שוים,
יובלט — אַ טויז רויט,
פון איר פיסק קריכט צו מיר אַ שוואַרצער גליטשיקער
עקדיש — טויט.

מאַרע מאָרטום

אין מיטן אַ קאָכיק רוישיקער גאַס אַ פּאַרציטערטער בין
איך געבליבן שטיין,
פאַרשווונדן הייזער, מענטשן, אָפּגעמעקט שטאָט -- הידרע
פון שטאָל און שטיין,
אַ חושך מבול האָט פאַרפלייצט דעם ארום — און איך בין אליין
און ארום מיר — אַ שוואַרצער, טויטער ים.

און נישט קיין גרעזל וואקסט און נישט קיין פויגל פליט,
און נישט קיין ווינטל רוישט, נישט קיין אָטעם הויכט,
נאָך קאלטע, שפּיציקע פעלזן — אַלטע גראָע מצבות שטאַרן
ביים ברעג
פון ים, פון שוואַרצן, טויטן ים.

און פינצטער, טריב איז ער, דער ים
ווי די שוואַרצאַפּלען, אומעט פאַרבעלמעטע פון היפּאָכאָנדריקער
און טיף — ווי די פּיין, וואָס אנקערט דעם דנאָ פון אַ האַרץ,
און באַטויבנדיק שטיל ווי די איינזאמקייט,
וואָס שלייכט אַ באָרוועסע אין דער הייל פון אַ גזיר —
דער ים, דער שוואַרצער, טויטער ים.

אָ, ווי חלשותדיק שטינקט די פאַרפעסטעטע לופט,
אַן איבלדיקער פוילעניש ריח פון גרויליקע קיל־שטיבלעך,
ווי אן אַלטער טכויר ממיתט ער מיט עקלהאַפטן געשטאַנק —
דער ים, דער שוואַרצער, טויטער ים.

אָ, מרה שחורה טריבער שפיגל — בלייערנער טרומנע דעק,
אָ, עיפושדיקער ריח פון פוילעניש, וואָס סמט זשאַווערדיק
דאָס בלוט,
אָ, רימשענדיק שווייגן פונם ציינלאָזן פיסק פונם הויל —
אָ, ים, שוואַרצער טויטער ים!

עס גייט פון דיר אַ פּראָסטיקער פחד־ווינט!
בייגט זיך אַראָפּ מיין קאָפּ — אַן אונטערגעבראָכענע פלאַנץ,
און איך ציטער אין אנגסט — ס'קלאפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן,
אויף מיין האַלז וויקלט זיך זויגנדיק אַ פּיאַווקע — גרויל...

איך לויף דערוואָרגן מיט געשריי,
נאָר מיינע פיס פלאָנטערן זיך פארבלוטיקט,
צווישן שפּיציקע פעלזן — אַלטע מאָכיקע מצבות,
מיינע פלאַטערנדע הענט פארשפינט חושך — אַן אַלטע,
פעטע שפין.

כיכיק פארקרומט ווינקט צו מיר א לצ'ל — שיגעון,
פון הינטער די רויטע טויערן פונם תוהו:
„קום, אַנטרינונג פאַר דיר פאַראַן —
הינטער די רויטע טויערן פונם תוהו"...

העי, האָי העי, האָ!

ווּ זאָל איך לויפן צווישן רויטער שריפה און שוואַרצער
פאַרפלייצונג?

שוין לעקן ווילד טאַנצנדיקע, רויטע פלאַמען מיינע האָר,

ס׳גליווערט מיינע פיס דער אָנשוועלנדיקער, שוואַרצער,
טויטער ים.

העי, האָ! העי האָ!

מיין געשריי פאַלט פרעמד אין ליידיקן אַרום,

די פינצטערניש — אַ בייזע זקנה באַבלט זיך אין איר פאַטשויל,

די פינצטערניש — טויב שטום.

אָ מאַרע, וויסט פאַרשאָלטענער ים!

די זאַפּסט איין — אַ קאַלט דורשטיקער שוואָם —

מיין הייסע יתום־טרער,

דעם עפּילעפּטישן צאַפּל פון מיין פיין,

דעם טייוול־קריץ פון סקעלעטיש־פאַרשטשירעטע ציין,

מיין פלאַטערנדער פחד — פאַרגליווערט, געליימט.

פאַרשאַלטענער ים!

דו זאַפּסט איין דאָס ליכט פון מיינע בלאָע אויגן,

דעם בלייכן אומעט פון מיינע באַקן,

דו זאַפּסט מיך אינגאַנצן איין,

ווי אַ שטיק זאַלץ וועל איך אין דיינע סם־וואַסערן
אויפגעלעזט צעגיין,

דאַן וועסטו מיר אַ מצבה שטעלן ווי אַ בידנעם שטיין —

אויף דיין אויבערפלאַך אַ פּאָר רינגען־קרייזן — און שוין...

שוין ברעכן זיך מיינע קניען, געבויגן פון אימה־ווינט,
און ס׳לעשן זיך מיינע זשארענדיקע אויגן — פארגאָסן
פון דיין פינצטערניש,
און מיינע הענט — פון א טרינקנדיקן, קראמפהאַפט
ארויפגעשאָסן אין דער הויך,
און מיין אָטעם דערשטיקט פון דיין פגרים־ריח —
און מיין גאַנצער גוף — אַ רויטער נערוון־קנויל,
צאַפּלט, פיבערט און וואַרפט זיך —
באלד וועסטו מיט א קאַלטער האנט אָפּווישן מיין טרער
און פארציען מיינע אויגן־דעקלעך,
און טובל זיין אין דיינע טיפן,
און פינצטער, טויב און שטום,
אייביק, אומעטום
און וויסט, בלינד און לער
און גאָרנישט מער —
מיין בלוט צעשפרענקלט זיך אויפן שווארץ זיידענעם
העמד פון דער נאַכט.

ס'פאַלן בלעטער...

ס'פאַלן בלעטער, ס'פאַלן בלעטער,
אויסגעלאָשענע, וואַקסן־געל,
ס'פאַלן בלעטער, ס'פאַלן בלעטער,
יעדעס — אַן אויסגעהויכטע זעל...

ס'פאַלן בלעטער, ס'פאַלן בלעטער,
„געווען אַמאָל אַ בליען און אַ גרינען" —
כ'כעס ווינט — בייזער שפּעטער,
לץ שיכור'ער, אַראָפּ פון זינען.

ס'פאַלן בלעטער — געלע בלעטער,
מכשיפות שויבעריקע, אין וויסטן קרייז:
אין בלאָנדן „איצט" — גראָער „שפּעטער",
אונטער געוועבן־פייער — סקעלעטן־אייז...

ס'פאַלן בלעטער —גרינע טרוימען,
זקינות קנאָכיקע, גערונצלט, מיאוס,
וואָס געפלאַטערט האָט אין רוימען —
צעטרעטן אונטער שווערע פיס...

ס׳פאַלן בלעטער — שטאַרבנדיקע זונען
זינקען אין קברים — רוימען,
„אפשרס" ווערן נישט, צערינען,
מאַסט־שפּיצן נידערן אין תהום׳ען...

ס׳פאַלן בלעטער, ס׳פאַלן בלעטער,
ס׳שפּייט אוים באַשאַף לעצטע געל־רויטן,
ביי באַנגע מאַמעס — קראַנקע געטער —
רו׳כערן די הענט — צאַנקנדיקע קנויטן...

אינהאַלט:

	זייט
מאַמע	5
שטאָט	9
קרעדאָ	10
דיכטער אין שטאָט	12
טעג און נעכט	14
פאַראַן אַזאַ שעה	19
זילבער־נעכט	20
ספּלענדיד איזאָליישן	22
ווי איז אונז, ווי	24
חצות	26
* * *	28
טיפע נאַכטיקע שעה	29
בין השמשות־ליד	31
שרעקן־נאַכט	33
מאַרע מאָרטום	37
ס'פאַלן בלעטער	41